


פרשת תצוה

י"א אדר א' תשפ"ב

יאר 2 גליון 41

## א בריוו פונעם
# ראש ישיבה שליט"א

...תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

שטארק זיך ווייטער צו זאגן יעדן טאג תהלים, און אינצווישן די ווערטער פון תהלים פלעכט אריין דיינע אייגענע דיבורים צום אייבערשטן.

דער הייליגער רבי האט זייער געוואלט מיר זאלן זאגן תהלים; ער האט געזאגט אז תהלים איז א שטעקן אויף וואס מען קען זיך אנלאנען, אזוי ווי א קראנקער מענטש לא עלינו גייט מיט א שטעקן, ער פארלאזט זיך דערויף און דאס טראגט אים און פירט אים וואו ער דארף גיין, אזוי-זאגט דער רבי- איז ווען א מענטש זאגט תהלים און פארלאזט זיך אויפ'ן אייבערשטן וועט ער ארויסגיין פון אלע פראבלעמען.

זיי נישט באזארגט וועגן דיין שידוך; איך האב היינט גערעדט מיט דיין טאטע איבער דעם. איך האף בקרוב וועסטו א כלה ווערן און אנהייבן בויען דיין לעבן.

יישר כח פאר אלעס וואס דו העלפסט אין סקול; ווער עס העלפט אויפשטעלן דעם מוסד פון רבי'ן וועט אים דער רבי באצאלן מיט גליק און הצלחה.

שרייב מיר יעדעס מאל דו מאכסט א סיום אויף תהלים וועסטו מיר מחי' זיין.

# נייעס אין בית פיגא

ערשטע קלאס אין שטעטל סקול נעמט אויף מיט א שמחה די נייע מיידל וואס איז די וואך אריינגעקומען אין זייער קלאס רבקי אפפעלדארפער!

די עלטסטע קלאס אין וויליאמסבורג האט די וואך געהאט א אינטערעסאנטע פראגראם ווי מען האט זיך אויסגעלערנט צו צאמלייגן שיין וועש, און ארויפלייגן בעטגעוואנט אויף א בעט, אויך האט יעדע מיידל האט געדארפט ברענגען אין סקול עפעס וואס זי האט אליינס געבאקן, עס איז געווען אזוי אינטערעסאנט און פרייליך, ש'כח אייבערשטער פאר בית פיגא סקול!

# מזל טוב!

די עלטסטע קלאס אין שטעטל וואונטשט א הארציגע מזל טוב פאר זייער לערערין מרת וועבערמאן צו איר נייע מיידל בעיבי!

מזל טוב עטי און יוטא וועבערמאן צו זייער נייע שוועסטער!

מזל טוב בלומי און חמי זעליקאוויטש צו זייער נייע שוועסטער!



# מעשיות פון תפילה

בית חינוך לבנות בית פיגא ברסלב

## שטעטל סקול

איין טאג איז געווען אן אינספעקשין אין סקול און אלע טיטשערס און אלע מיידלעך האבן געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל אדורכגיין בשלום און שכח אייבערשטער ס'איז אריבער נאך בעסער ווי געראכטן!



**גאנצע סקול**
קרית ברסלב

## יוכבד זוסמאן

שכח אייבערשטער איך ווייס אז צניעות איז א שיינע זאך און איך וויל אייביג זיין צניעות'דיג. מיין שעסל איז געווארן אביסל קליין און איך האב געזען אז איך דארף שוין האבן א נייע, האב איך געבעטן די אייבערשטער און שכח אייבערשטער איך האב באקומען א נייע שעסל!



**פיפטע קלאס**
קרית ברסלב

## אסתי יאקאבאוויטש

מיין קליינע ברודער האט נישט געוואלט טרונקען פון א באטי. אונז האבן זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז ער זאל שוין ליב האבן צו טרינקען פון א באטי און שכח אייבערשטער ער נעמט עס זייער שיין !



**ערשטע קלאס**
קרית ברסלב

## אסתי פריעדמאן

איך בין געווען זייער קאלט, און איך האב געוואלט אנטון מיין סוועטער אבער איך האב עס נישט געטראפן. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס שנעל טרעפן, און שכח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן!



**דריטע קלאס**
קרית ברסלב

## פייגא לעווי

איין צופרי האב איך נישט געקענט טרעפן מיין שיך. איך האב אנגעהויבן בעטן די אייבערשטער איינמאל און נאכאמאל אז איך זאל עס טרעפן, און שכח אייבערשטער, אפאר מינוט שפעטער האב איך געטראפן מיין שיך!



**ערשטע קלאס**
קרית יואל

## עטי בלום

איך האב געטראפן א מיידל'ס שאל אויפן באס און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל וויסן וועמענ'ס ס'איז און איך זאל איר עס קענען צוריקגעבן און ש'כח אייבערשטער אז איך האב איר עס געקענט צוריקגעבן.



**דריטע קלאס**
וויליאמסבורג

## רחל לאה ראטה

איין טאג בין איך אויפגעשטאנען אביסל שפעט. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען כאפן די באס, און שכח אייבערשטער איך בין אנגעקומען צייטליך!



**ערשטע קלאס**
וויליאמסבורג

## שרי אפפעל

נעכטן בין איך אויפגעשטאנען זייער שפעט. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל אנקומען צו סקול אין צייט און שכח אייבערשטער איך בין אנגעקומען פונקט גוט!



**עלטסטע קלאס**
וויליאמסבורג

# א מעשה פון א צדיק

*געשריבן דורך: פייגי טייטלבוים*

אין יאר תקנ"ט האט געלעבט א גרויסע צדיק, דער הייליגער ר' מרדכי נעשכיזער. ווען עס איז געקומען סוף יאר, האט ער געליטן אויף א שווערע קרענק, ער האט זיך ממש נישט געקענט רירן פון גרויס יסורים, ער האט נישט געקענט גיין ווי די זון האט געשיינט אדער אטעמען א געררוך וואס קומט פון קאכן.

בערך אין די צייט פון חודש ניסן תק"ס, אויף די וועג צוריק פון ארץ ישראל איז די הייליגע רבי געגאנגען באזוכן ר' מרדכי נעשכיזער. ווען די רבי איז אנגעקומען קיין נעשכיז האט דער נעשכיזער צדיק געהייסן אנגרייטן אסאך געקאכטע ווארעמע עסן לכבוד דעם גאסט, און ער אליין האט זיך אנגעשטרענגט צו ארויסקומען פון בעט, כאטש ער איז געווען אזוי אפגעשוואכט. ער האט אים אויפגענומען מיט גרויס ליבשאפט און פריינטליכקייט, זיך צוזעצנדיג פאר א לענגערע שמועס.

ווען זיי האבן זיך געזעגנט, האט ר' מרדכי נעשכיזער זיך ספעציעל אנגעשטרענגט צו ארויסבאגלייטן דעם רבי'ן. די תלמידים האבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם. ווען דער צדיק פון נעשכיז איז צוריק אהיים נאכ'ן באגלייטן די רבי האבן די תלמידים אים געפרעגט, האט ער זיי געגעבן צו פארשטיין און ער האט געזאגט: "איך זאל מער נישט באשאפן ווערן, נאר אז די רבי זאל ביי מיר איבערטרעטן דעם שוועל וואלט אויך געווען גענוג!"

**און יעצט טייערע מיידלעך, אז דער הייליגער ר' מרדכי נעשכיזער האט זיך אזוי געפריידט צו רעדן מיטן רבי'ן, וויפיל דארפן מיר זיך פרייען צו פאלגן אזא רבי? ווער רעדט נאך אז מיר זענען אין די רבי'ס סקול, דארפן מיר זען צו אויסנוצן די מתנה אויף א גוטע וועג, און איינזאפן אלעס וואס מ'לערנט אונז, וועלן מיר האבן א גליקליך לעבן.**



# א שיעור פון די ראש ישיבה שליט"א

רוף אריין די האטליין 212-444-9169 און דרוק 2 דערנאך 3 און נאכאמאל 3 פאר שיעורים פון די ראש ישיבה שליט"א פאר מיידלעך, און דרוק 146, פאר די שיעור "די עבטע לעבן".

הער אויס די שיעור און דערנאך פרוביר צו ענטפערן די שאלות און ברענג אריין די ענטפערס צו די סקול אפיס, צו קענען אריינגיין אין די גורל.

**די ראש ישיבה בעט אונז זייער אונז זאלן אכטונג געבן אויף _________________________.**

**ווייל ווי אזוי מען פירט זיך צו א צווייטע מיידל, פירט זיך _________________________.**

**ווען מען שטייט אויף אין א שלעכטע mood, ______________________________.**

**וואס האט די ראש ישיבה געטון מיט מיידלעך וואס האבן געטשעפעט א צווייטע מיידל?**

_______________________________________________________________.

**אויב מיין שוועסטער וויל מיטקוקן א album אבער איך ווער נערוועז פון איר, זאגט די ראש ישיבה מען זאל טראכטן למשל __________________________________________.**

**פארוואס איז דוד המלך געווארן קעניג?**

_______________________________________________________________.

**וואס האט דער צדיק הלל הזקן געזאגט פאר די גוי וואס האט געזאגט אז ער וויל הערן וואס מען דארף טון צו ווערן א איד ווי לאנג ער שטייט אויף איין פיס?**

_______________________________________________________________.

**א וויכטיגע זאך וואס דו לערנט ארויס פון די שיעור:**

__________________________________________________________________

________________________________________________________________.

# Recipe

## Farina

**Recipe:**

5 cups milk

4 heaping tbsp farina

4 tbsp vanilla pudding

4 tsp sugar

4 tsp butter

Pinch of salt

**Directions:**

Boil milk. Slowly add rest of ingredients. Stir until heavy.

געדענק צו בעטן די אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען זייער גוט!



# פון אונזערע לערערינס

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי',

ערשטנס דארף איך דיך זאגן ווי שטארק איך האב הנאה דיך צו האבן אין מיין קלאס. איך זעה ווי דו נעמסט אריין יעדע ווארט וואס מיר לערנען, און דו ווילסט הערן נאך און נאך. נישט יעדער האט די זכי' צו טרעפן א פלאץ וואו זי פילט סיפוק, און וואו מ'ווערט אנגעגרייט פאר די לעבן. ב"ה דו זאגסט מיך און איך זעה אויף דיך אז דו האסט אויך זייער הנאה, און דו דאנקסט דער אייבערשטער פאר דיך געבן די זכי' צו קומען לערנען אין ברסלב.

דאס קענסטו אויך זאגן פאר די מיידלעך- ווייל אסאך מאל ווען מ'ווערט שוין צוגעוואוינט צו א גוטע זאך- כאפט מען נישט צו מכיר טובה זיין וואס מ'באקומט דא- און דו פילסט יא די שטארקע חילוק פון וואס דו האסט געהאט אין דיין אלטע סקול, און וואס דו האסט ביי אונז- קענסטו עס מיטיילן מיט די מיידלעך אז זיי זאלן זיך דערמאנען און אויפפרישן אויך צו דאנקען דער אייבערשטער אז זיי קענען לערנען אין די הייליגע רבי'ס סקול.

מיט ליבשאפט,
מרת לעזער

# מיר לערנען זיך פון עצתו אמונה

די וואך האבן מיר געליינט אזא שיינע מעשה וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן אין עצתו אמונה פאר קינדער.

די הייליגע רבי האט געמאכט א סעודה. די פרויען און מענער זענען געווען אין באזונדערע שטובער. די פרויען האבן געפרעגט די רבי'ס טאכטאר אדל אויב מ'האט שוין געבענטשט ביי די מענער. האט זי געזאגט אז נישט, ווייל ווען די הייליגע רבי און זיינע מענטשן בענטשן קען מען עס הערן ווייל זיי בענטשן אויפן קול.



"מַיין טַאטְנְ'ס מֶענְטְשְׁן בֶּענְטְשְׁן אויפְּ'ן קול"

**<u>רחל לאה וויינבערג לערנט זיך פון די מעשה:</u>**

א ברסלב'ע מיידל, א תלמידה בית פיגא, בענטשט הויך אויפן קול. מיר ווייסן אז בענטשן הויך אויפן קול איז נישט קיין קינדישע זאך; אפילו טאטעס בענטשן אויפן קול.

# ״מאל אודער דגים״

## קאליר לויט די נומערן



1. ליכטיג בלוי 2. בלוי 3. גרין 4. טונקל גרין

5. געל 6. אראנדש 7. רויט 8. ברוין